א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

289 | פרשת מטות מסעי | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### פארענדיגן דעם מלאך

**"אִישׁ כִּי יִדֹּר נֶדֶר לַה'... לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"** (ל ג)

ס'שטייט אין **'ראשית חכמה'** (שער הקדושה יד כ):

"דער וואס נעמט זיך אונטער טוהן א מצוה, מיטן זאגן אליינ'ס באשאפט ער א מלאך, אבער ער איז נאכנישט בשלימות ביז ער ענדיגט מקיים זיין די מצוה... און דער וואס זאגט צו און איז נישט מקיים, האט דער מלאך צער ביז ווען די מצוה ווערט געענדיגט. און דער וואס וויל אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן און זיין בקשה זאל געטון ווערן - זאל זעהן צו מקיים זיין די נדר, אזוי ווי עס שטייט (תהילים נ יד-טו): "זְבַח לֵאלֹקִים תּוֹדָה וְשַׁלֵּם לְעֶלְיוֹן נְדָרֶיךָ. וּקְרָאֵנִי בְּיוֹם צָרָה אֲחַלֶּצְךָ וּתְכַבְּדֵנִי"".

זאגט **רבי יוסף שלום** דער רב פון פיזענץ אז די ווערטער פונעם 'ראשית חכמה' זענען מרומז אין אונזער פסוק: "אִישׁ כִּי יִדֹּר נֶדֶר" - אז איינער וועט צוזאגן מקיים זיין א מצוה, "לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ", ווייל: "כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה" - באלד נאכן מאכן דעם נדר איז שוין באשאפן געווארן א מלאך, און ער ווערט נישט געענדיגט ביז ער וועט מקיים זיין דעם נדר.

'יד אבי שלום' [אויפנבאך ת"פ]

ענליך צו די אויבנדערמאנטע ווערטער האט געזאגט דער **רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג** אויף די מצוה פון ענטפערן אמן, אז מ'דארף אכטונג זאגן יעדע ברכה נעבן איינעם וואס וועט ענטפערן אמן, ווייל דורך די ברכה ווערט באשאפן א מלאך און ער ווערט נישט געענדיגט נאר ווען מ'ענטפערט אמן.

'אהל יצחק' עמ' לו

### א נצחיות'דיגע ישועה - נאר דורך תפילה

**"לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"** (ל ג)

אין נאך צוויי פלעצער אין תנ"ך, אויסער דער פסוק, שטייט דיווארט 'יַחֵל': **"יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל ה' כִּי עִם ה' הַחֶסֶד"** (תהילים קל ז); **"יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל ה' מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם"** (שם קלא ג).

זאגט **רבי יהושע בוקסבוים** הי"ד דער גאלאנטער רב:

דער צירוף פון די דריי פסוקים איז מרמז אויף דער יסוד וואס דער 'חוזה פון לובלין' האט אונז געלערנט, כאטש אז א גזירה פון א צדיק ווערט מקויים אויך אן ער זאל דאווענען אויף דעם (זעה תענית כג א), פון דעסוועגן איז דא א ספעציעלע מעלה אויב די ישועה קומט דורך תפילה, מיט דעם וואס די ישועה איז נצחיות'דיג, אנדערשט פון א ישועה וואס איז אן תפילה וואס איז נאר צייטווייליג.

אויף דעם זענען מרמז די פאלגנדע דריי פסוקים; כאטש אויפן צדיק איז געזאגט געווארן: "לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה", און ער קען פויעלן א ישועה דורך זיין דיבור אליין, פון דעסוועגן: "יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל ה'" - דאוונט ער אויף די ישועה, ווייל נאר אזוי וועט דאס זיין א אייביגע ישועה וואס וועט זיין: "מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם".

'אור פני יהושע'

## רזי אמונים
### רמזים פון אמן אין די פרשה

### די יראת שמים איז אנגעהאנגען אין 'אמן'

"כִּי לֹא מִלְאוּ אַחֲרָי" (לב יא)

"ארי לא אשלמו בתר דחלתי" [זיי זענען נישט נאכגעגאנגען נאך מיין יראה] (אונקלוס).

די ראשי תיבות: "כִּי לֹא מִלְאוּ אַחֲרָי" זענען בגימטריה 'אמן', דיך צו לערנען אז זיך פארמיידן פון ענטפערן אמן איז א חסרון אין יראת שמים. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין 'מדרש אשרי' (דרוש קב): "בא אדם לענות אמן בכל כוחו מיד נכנס בו יראת שמים".

יו"ר 'בני אמונים' הרב יעקב דב מארמארשטיין

### פארוואס האט משה רבינו זיך נישט פארלאזט אויף זיין תפילה?

**"נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים אַחַר תֵּאָסֵף אֶל עַמֶּיךָ... אֶלֶף לַמַּטֶּה אֶלֶף לַמַּטֶּה לְכֹל מַטּוֹת יִשְׂרָאֵל"** (לא ב-ד)

פון דעם וואס די תורה האט געדאפלט די ווערטער: "אֶלֶף לַמַּטֶּה", דרש'ענען די חכמים (דב"ר כב ב) אז אקעגן יעדע טויזנט וואס זענען געגאנגען אין די מלחמה, האבן אנדערע טויזנט געדאוונט אויף זייער הצלחה. דארף מען פארשטיין פארוואס האט משה רבינו אזוי געטוהן דווקא ביי די מלחמה פון מדין?

זאגט **רבי שלמה קלוגער** דער בראדער מגיד:

אין מדרש (תנחומא פנחס טו) ווערט געברענגט, דער טעם פארוואס מיר זיצן נישט אין סוכה אין דעם טאג פון שמיני עצרת, ווייל אין דעם טאג הייבט מען אן בעהטן אויף רעגן, און אויב מיר וועלן זיצן אין סוכה, וועלן מיר נישט דאווענען פון טיפן הארץ אויף די רעגן, ווייל מיר ווילן נישט עס זאל בטל ווערן די שמחה פון יו"ט. אויך דא קען מען זאגן: ביי אלע מלחמות וואס זענען געווען ביז יעצט האט משה נישט געדארפט שטעלן אנדערע זאלן דאווענען, ווייל ער האט זיך פארלאזט אויף זיין תפילה, אבער יעצט, ווייל ער האט געוואוסט אז זיין פטירה איז אנגעהאנגען אין די הצלחה פון די מלחמה (במדב"ר כב ב), האט ער מורא געהאט טאמער וועגן דעם וועט ער נישט דאווענען אויף דעם פון טיפן הארץ, דעריבער האט ער געשטעלט אנדערע אנשטאט אים.

'חכמת התורה' עמ' קט

### א ברכה אויף די ניסים אין מדבר

**"אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל"** (לג א)

**רבי יהושע אבן שועיב** א תלמיד פונעם רשב"א שרייבט:

נישט אומזינסט האט די תורה ארויסגעשריבן די נעמען פון די מסעות, נאר כדי אז דער וואס וועט זיין יארן שפעטער אין מדבר סיני זאל קענען דערקענען די פלעצער וואו אונזערע אבות זענען געגאנגען, און דארט לויבן דעם אויבערשטן אויף די נסים וואס ער האט פאר זיי דעמאלטס געטוהן, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נד א): "הרואה מקום שנעשו בו ניסים לישראל, אומר: ברוך שעשה ניסים לאבותינו במקום הזה".

'דרשות עה"ת לר"י אבן שועיב'

### אין זכות פון 'במקהלות' וועלן ענק געראטעוועט ווערן פון 'חרדה'

**"וַיִּסְעוּ מֵחֲרָדָה וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת"** (לג כה)

**רבי משה לֵייבּ ליטש רויזנבוים בעל 'מתא דירושלים'** זאגט:

אין דעם פסוק קען מען טרעפן א רמז אויף די גמרא (ברכות ו ב) וואס זאגט: "ווען הקדוש ברוך הוא קומט אין שוהל און זעהט נישט דארט קיין צעהן מענטשן, ווערט ער באלד אין כעס"; "וַיִּסְעוּ מֵחֲרָדָה" - וויאזוי וועלן ענק קענען געראטעוועט ווערן פון השי"ת'ס צארן? "וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת" - אויב ענק וועלן מקפיד זיין אז דער ציבור זאל קומען אין שוהל שוין אין אנהויב דאווענען.

'אמרות ה"'

### אל תפרוש מן הציבור

**"וַיִּסְעוּ מֵחֲרָדָה וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת"** (לג כה)

אין צוויי פלעצער אין תנ"ך ווערט דערמאנט דיווארט "בְּמַקְהֵלֹת": דא, און אין תהלים (סח כז): "בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹקִים" ('בעל הטורים').

די קשר צווישן די צוויי פסוקים טייטש דער בעל **'שבט מוסר'**:

עס איז א באוואוסטע הלכה (ברכות נא) אז א גרופע מענטשן וואס האבן צוזאמען געגעסן, מעגן זיי נישט עקסטער בענטשן אן קיין זימון, ווייל זיי זענען שוין מחוייב געווארן בענטשן צוזאמען. אויף די הלכה זענען די פסוקים מרמז: "וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת" - די וואס עסן צוזאמען, "בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹקִים" - דארפן צוזאמען בענטשן.

'חוט של חסד'





בברכה שלמה ונאמר אמן

דער שר בית זוהר הרה"ק רבי צבי הירש פון זידיטשויב שרייבט אזוי ('פרי קודש הלולים' שער הברכות פ"ד):

"ווייל מיר זאגן די אלע ברכות השחר אויפן סדר אין שוהל, איז זיכער אז דאס איז גוט, כדי יעדער זאל קענען ענטפערן אמן אויף די ברכות פון זיין חבר.
און א ברכה אן קיין אמן איז עס פונקט ווי א פלג גופא [א האלבער קערפער]".

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## בהיכלו של מלך (ה')

### קובע זיין א פלאץ אין שוהל

**הקובע מקום לתפילתו אלוקי אברהם בעזרו**

אין די פריערדיגע ארטיקלען האבן מיר עוסק געווען איבער די מעלה פון דאווענען מיט א מנין און אין די חשיבות פון דאווענען אין א פלאץ וואס איז מיוחד אויף דאווענען - אין א שוהל. יעצט וועלן מיר פארזעצן און עוסק זיין אין נאך א מעלה, וואס די חכמים זכרונם לברכה האבן זייער שטארק משבח געווען, דאס איז מעלה פון: "הקובע מקום לתפילתו".

די מעלה האבן די חכמים (ברכות ו ב) ארויסגעלערנט פון דער פסוק וואס עס שטייט ביי אברהם אבינו (בראשית יט כז): "וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר עָמַד שָׁם אֶת פְּנֵי ה'", ד.מ.: אברהם איז געגאנגען דאווענען אויף דעם פלאץ וואס ער האט שוין דארט אמאל געדאוונט. וועגן דעם שטייט דארט אין גמרא אויף דער וואס איז קובע מקום לתפילתו "אלוקי **אברהם** בעזרו, און ווען ער ווערט נסתלק זאגט מען אויף אים: אי חסיד אי עניו, מתלמידיו של **אברהם** אבינו".

אין שולחן ערוך (או"ח צח ד) ווערט אויך געברענגט, אז די חשיבות פון קובע זיין א פלאץ אויפן דאווענען קומט פון דעם וואס דאס דאווענען איז אנשטאט דעם קרבן תמיד, און אזוי ווי דער קרבן תמיד האט מען געמאכט אויף א באשטימטן פלאץ אין די צפון זייט פון די עזרה, אזוי דארף מען דאווענען אויף א באשטימטן פלאץ, און אזוי ווערט די תפילה אנגענומען לרצון.

מ'דארף פארצייכענען אז די ראשונים קריגן זיך אין די ערקלערונג פון די הלכה. דער 'בית יוסף' (סי' צ) ברענגט די שיטה פון רבינו יונה אז נאר אין א שטוב דארף מען דאווענען אויף א באשטימטן פלאץ, אבער אין א שוהל פעהלט נישט אויס א מקום קבוע, נאר די גאנצע שוהל ווערט גערעכנט ווי איין פלאץ. אבער למעשה פסק'נט דער מחבר אין שולחן ערוך (או"ח צ יט) אזוי ווי די שיטה פונעם רא"ש אז אויך אין שוהל זאל מען דאווענען אויף א באשטימטן פלאץ.

### א מקום קבוע העלפט צו כוונה

מיר טרעפן אין די ספרים עטליכע מעלות אויף א תפילה וואס ווערט געדאוונט אויף א מקום קבוע. דער מאירי (ברכות ו ב) ערקלערט בפשטות, אז אין א מקום קבוע קען מען בעסער אינזין האבן. מער ברייט ערקלערט דער רשב"א (בחידושיו לאגדות, ברכות שם) ווייל דער וואס דאוונט דארף ביי זיך טראכטן ווי ער שטייט פארן קעניג באימה וביראה, ווי מער ער דאוונט אויף איין פלאץ קען ער בעסער אינזין האבן. און ער ערקלערט אז צוליב דעם ווערט ער אויך אנגערופן 'חסיד' און 'עניו', ווייל ווען איינער דאוונט אויף אזא וועג ווייסט ער פון זיין שפלות און זיין נידריגקייט, און דורך זיין ענוה דערגרייכט ער צו חסידות.

דער רבינו יונה (ברכות ג ב מדה"ר) לייגט צו, אז דער וואס איז קובע מקום לתפילתו ווייזט ער מיט דעם זיין אויסער געוועונליכע ליבשאפט אויף דאווענען, און זיין אמת'דיגע ווילן עס דערלאנגען פארן מלך מלכי המלכים מיטן גרעסטן מאס הידור און שלימות, אזוי ווייט אז ער דאוונט אין א מקום קבוע כדי ער זאל קענען גוט אינזין האבן, און דורך דעם דערגרייכט ער צו די מדריגה פון א חסיד און א עניו.

### מיר פארלאזן זיך נאר אויף אונזער פאטער אין הימל

דער מהרש"א (ח"א ברכות ו ב) ערקלערט, דער וואס איז קובע מקום לתפילתו ווייזט ער מיט דעם זיין אמת'דיגע אמונה אין הקדוש ברוך הוא. ווייל מיר טרעפן דאך אז עס זענען פארהאן געוויסע פלעצער וואו דארט ווערט די תפילה מער אנגענומען, אזוי ווי די גמרא (ב"ב כה ב) וואס זאגט: "הרוצה שיחכים - ידרים, ושיעשיר - יצפין", א.נ.. דער וואס דאוונט אין א מקום קבוע, איז ער מיט דעם מגלה דעת אז ער פארלאזט זיך נישט אויף די סגולות פון דער פלאץ, נאר ער פארלאזט זיך אויף זיין שטארקע אמונה אין ה' יתברך וואס צוליב זיין רחמנות וועט ער אים העלפן.

אין 'עיון יעקב' (על 'עין יעקב' ברכות שם) לייגט ער צו אז דער וואס איז קובע מקום לתפילתו ווייזט ער מיט דעם אז ער איז פון די תלמידים פון אברהם אבינו וואס האט זיך געפירט בתמימות מיטן באשעפער און האט אייביג געדאוונט אויף דעם זעלבן פלאץ, און נישט ווי בלעם הרשע וואס אין פרשת בלק זעהן מיר ווי ער האט יעדע מאל געטוישט זיין פלאץ, אפשר וועט ער אויף די אנדערע פלאץ בעסער קענען דאווענען.

### קדושה ברענגט קדושה

אויף נאך א אופן ערקלערט דער צל"ח (ברכות ו ב): ווי מער דער מענטש דאוונט אויף די זעלבע פלאץ פארמערט ער די קדושה אויף יענע פלאץ, און דעמאלטס ווען ער קומט נאכאמאל דארט דאווענען וועט די קדושה פון דער פלאץ אים צו העלפן און צוברענגען אז זיין תפילה זאל ענדערשט אנגענומען ווערן.

אין ספר 'כלי פז' (פון רבי שמואל לניאדו א תלמיד פונעם 'בית יוסף', ישעיה נ ג) ערקלערט ער ענליך צו דעם: די סדר פון קדושה איז שטענדיג זיך שטארקן צוליב די קביעות, אזוי ווי עס שטייט (שמות כ כא): "בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך", ד.מ.: ווען דו וועסט קובע זיין א מקום אויפן דאווענען, ממילא 'אבוא אליך', און אזוי איז אויך משמע פון די גמרא (ברכות שם) אז די שכינה קומט פריער אין שוהל, ווייל דארט איז א מקום קבוע אויף די תפילה פון א רבים. קובע זיין א פלאץ אויף דאווענען סימבאלעזירט אין דעם אויך די מדה פון ענווה און חסידות, אזוי ווי א מענטש וועט נישט רופן א מלך בשר ודם יעדן טאג אין א אנדערער פלאץ זיך טרעפן מיט אים, איז דאך זיכער אזוי ביי הקדוש ברוך הוא.

מ'קען עס ברייטער אויסשמועסן מיט די ווערטער פונעם 'דגל מחנה אפרים' אויפן פסוק (בראשית לז א): "וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען", אז אויף דער פלאץ וואו ס'איז אמאל געווען השראת השכינה בלייבט איבער א אייביגע צייכן, און דאס מיינט 'בארץ מגורי אביו' - אין דעם פלאץ וואו זיין פאטער האט אנגעזאמלט קדושה, און הייליגע יחודים וואס ער האט מייחד געווען. ווייל אזוי ווי 'מצוה גוררת מצוה', אזוי אויך 'קדושה גוררת קדושה'. אויך די תפילה ווערט מער הייליגער ווען מ'דאוונט אויף א פלאץ וואס מ'האט דארט שוין געדאוונט.

און אין 'שפת אמת' (ברכות שם) ערקלערט ער, אזוי ווי ווען אסאך מענטשן נעמען זיך צוזאם העלפט דאס אז די תפילה זאל ווערן אנגענומען, אזוי אויך זמנים וואס נעמען זיך צוזאם העלפט צו צו דעם, און ווען ער דאוונט אויף א מקום קבוע, איז זיך מצטרף די תפילה צו די תפילות וואס זענען דארטן געדאוונט געווארן, און צוזאמען גייען זיי ארויף און ווערן אנגענומען לרצון.

אויפן דרך המוסר ערקלערט הרב דעסלער ('מכתב מאליהו' ח"ג עמ' 129) געבויעט אויף דער יסוד וואס דער 'מסילת ישרים' (סוף פ"ז) האט אראפ געלייגט, אז "התנועה החיצונית מעוררת הפנימית", די אויסערליכע באוועגונג ערוועקט די אינערליכע שטריכן, און אזוי שרייבט אויך דער חינוך (מצוה טז) אז דורך די אינדרויסנדיגע מעשים ווערט די הארץ נאכגעשלעפט.

לויט דעם, ווייל וואס דער מענטש האט דערגרייכט קען אין לויף פון די צייט אפגעשוואכט ווערן, עס צו פארמיידן איז דא א גוטע עצה, מקשר זיין די אינערליכע געפיהלן מיט די אינדרויסנדיגע מעשים. ווען א מענטש איז קובע א פלאץ צום דאווענען דערמאנט ער זיך - דורך די פלאץ - די איינדרוק פון די אלע תפילות וואס ער האט אויף דעם פלאץ געדאוונט, און עס קומט אויס אז אלע פריערדיגע תפילות העלפן צו די יעצטיגע תפילה, און געבן אויך אכטונג אויף די הארץ אין די שפעטערדיגע צייטן.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## געווינען דעם משפט דורך איין ברכה

ר' בנימין, א ירושלים'ער יונגערמאן, וואס האט א געבענשטע פאמיליע בלעה"ר, האט קיינמאל נישט גע'חלום'ט אז ער וועט זיך אמאל געפינען אין אזא מאדנע סיטואציע, ווען ער זיצט אויף די באשולדיגונג באנק אין געריכט הויז, אלץ דער הויפט שולדיגער אין א שווערע פראצעס, און אין זיין פארמאכטע האנט האלט ער... א קליינע זיסע צוקער'ל.

די געשיכטע האט זיך אנגעהויבן א יאר פריער. נישט אין זיין שולד איז ר' בנימין אריינגעדרייט געווארן אין א קאמפליצירטע פרשה, צוזאמען מיט נאך עטליכע מענטשן. זיין טייל אקעגן די אנדערע איז אין אנהויב געווען זייער קליין, אבער אקעגן די אנדערע שותפים אין די פרשה, נישט האבנדיג קיין געלט, האט ער זיך נישט געקענט ערלויבן דינגען א גוטן אדוואקאט וואס זאל זיך פארמעסטן מיט די טענות פון די פּראָקורירונג, און אזוי האבן די זאכן זיך פארדרייט ביז אין ענדע איז ער געווארן דער הויפט באשולדיגטער אין די פרשה. אזוי ווייט איז עס געגאנגען, אז די פּראָקורירונג האט געפאדערט פונעם געריכט הויז מ'זאל אויף אים ארויפלייגן א לאנגע ארעסט שטראף.

נאר נאך וואס די זאכן זענען אזוי פארפלאנטערט געווארן, האט ר' בנימין זיך געוואנדן צו די הילף פון זיינע חברים. זיי האבן זיך צוגעשטעלט צו אים מיט זייער גאנצע כח, אבער עס האט אויסגעזעהן אז די האפענונגען זענען זייער שוואכע. אין לויף פון די גאנצע צייט האט פּראָקורירונג אנגעיאגט אנגרייטן א לאנגע באשולדיגונג'ס צעטיל, וואס איז געווען צוזאמגעשטעלט פון הונדערטער עדות'ן און דאקומענטן. אויך די גוטע אדוואקאטן וואס זיינע פריינד האבן אים געדינגען האבן נישט געקענט פירן א קאמף אקעגן די קלארע און אפענע באווייזן. עס האט אויסגעזעהן אז די אויסזיכטן פון ר' בנימין זיך אינגאנצן ארויסדרייען פון א שטראף זענען שוואך, און אים איז נאר געבליבן זיך צו דינגען אויף די הארבקייט פון דער שטראף.

צופריה, אין דעם טאג וואס דער אורטייל האט געדארפט געגעבן ווערן, איז ר' בנימין מיט א ציטערדיגע קניה אריין צום ירושלים'ער גאון רבי ישראל יעקב פישער זצוק"ל, ראב"ד העדה החרדית און דער רב פון די 'זכרון משה' געגנט. ער האט דערציילט דעם גאון אויף די ציטער און שרעק וואס ער מיט זיין פאמיליע געפונען זיך פון דער טאג וואס דער געריכט האט זיך אנגעהויבן ביזן היינטיגן טאג, און האט געבעהטן פונעם רב א עצה און א ברכה.

רבי ישראל יעקב האט מיט געדולד צוגעהערט די ווייטאג פון דער יונגערמאן און מיטגעפילט זיין צער. ער האט אים געטרייסט מיט גוטע ווערטער, זייער ווארעם אנגעוואונטשן, און נאכדעם האט ער געעפענט די לעדל פון זיין טיש, און פון דארט האט ער ארויסגענומען א קליינע רויטע צוקער'ל און אים עס דערלאנגט. ר' בנימין האט גענומען די צוקער'ל ווען פון זיין פנים דערקענט זיך א אומפארשטענדליכקייט, און רבי ישראל יעקב האט אים באלד אנגעכאפט זיין האנט און אים ערקלערט:

"נעם די צוקער'ל און לייג עס אריין אין דיין טאש. ווען עס וועט אנקומען די צייט פון דיין געריכט, ווען דער ריכטער וועט אריינקומען אין זאל פונעם געריכט הויז, נעם די צוקער'ל אין דיין האנט, ווען דו מאכט זיך נישט וויסנדיג פון די גאנצע ארום, זאג אויף דעם א ברכה מיט די גאנצע כוונה: 'ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם שהכל נהיה בדברו'.

עס איז זייער חשוב ווען דו זאגסט די ברכה 'שהכל' זאלסטו אינזין האבן די פשוטע טייטש: שהכל - אלעס אן קיין אויסנאם - נהיה בדברו, ווערט געטוהן דורך די באפעל פונעם מלך מלכי המלכים! 'הכל' איז טייטש: 'אלעס!'; וואס דער ריכטער וועט אורטיילן, דער וועג וויאזוי דו וועסט זיך פארמעסטן מיטן אורטייל, דער שטראף וואס מ'וועט אפשר אויף דיר ארויפלייגן... - אלעס ווערט געטון דורך זיין באפעל! השי"ת זאל העלפן, אין זכות פון די ריינע אמונה וואס דו האסט אין אים, זאל דער אויבישטער משפיע זיין אויף דיר שפע ברכה און הצלחה".

פון דער מינוט און ווייטער איז ר' בנימין נאר געווען פארנומען מיט די קליינע צוקער'ל וואס ער האט אין זיין טאש. ער האט זיך פארהוילן פון די אלע עצות וואס ער האט באקומען ביז יעצט פון זיינע גוטע פריינד און חברים, און האט זיך קאנצענטרירט נאר אין די צוקער'ל, ד.מ.: אין די ברכה וואס ער גייט זאגן אויף דעם.

אין די קומענדיג שעה'ן האט ער א גאנצע צייט איבערגעטראכט דעם פשוט'ן ערקלערונג וואס רבי ישראל יעקב האט אים געזאגט, מיט זיין ספעציעלן ניגון: "שהכל - אלעס-אלעס - נהיה בדברו!". "אין עוד מלבדו".

ווען עס איז אנגעקומען די צייט פון דער משפט איז ר' בנימין אוועקגעזעצט געווארן אויף די באשולדיגונג'ס באנק. די אדוואקאטן וואס זענען געזיצן נעבן אים האבן פראבירט צוזאגן פארשידענע עצות, אבער זיינע אויערן האבן כמעט ווי נישט צוגעהערט. ער איז געווען פארקאכט און פארזונקען אין זיינע געדאנקען, זיין גאנצע מחשבה איז געווען אין די ווערטער 'שהכל נהיה בדברו'.

די קלאפ פון דער האמער האט אים צוריקגעברענגט צו די מציאות. דער ריכטער איז אריין אין זאל און אלע האבן זיך אויפגעשטעלט אויף זייערע פלעצער. א געוואלדיגער שטילקייט האט געהערשט אין זאל, אבער ר' בנימין האט זיך נישט געלאזט פון דעם, און האט ארויסגענומען די צוקער'ל פון זיין טאש, און מיט פארמאכטע אויגן האט ער שטאט געזאגט די ווערטער פון די ברכה, קאנצענטרירט און מיט כוונה:

"ברוך אתה ה'" - אדון הכל היה הווה ויהיה, "אלוקינו" - תקיף ובעל היכולת ובעל הכוחות כולם, "ש-ה-כ-ל נ-ה-י-ה ב-ד-ב-ר-ו!".

אסאך פון די אנוועזנדע אין די זאל האבן געענטפערט 'אמן', אבער דער ריכטער האט געווארפן אויף אים א שטרענגען בליק. ר' בנימין האט זיך פארהוילן פון דעם, ער האט גענוגט די צוקער'ל מיט א גליקליכע געפיהל, ער האט נאך קיינמאל נישט געזאגט א ברכה מיט אזויפיל כוונה.

די געריכט האט זיך אנגעהויבן. דער פּראָקוראָר האט אנגעהויבן אויפליינען די באשולדיגונג'ס טענות, און האט אויסגעפירט: "די פּראָקורירונג בעהט מ'זאל באשטראפן דעם באשולדיגטן מיט צוועלעף יאר ארעסט". זיין רעדן און זיין שפראך זענען געווען אויסגעצייכנט, זיינע טענות האט ער גוט אראפגעלייגט, און אלע האבן געווארט צוזעהן וויאזוי דער פארטיידיגער וועט זיך מיט דעם קענען פארמעסטן.

דער פארטיידיגער איז ארויף און האט אנגעהויבן זאגן זיינע ווערטער, מיט א געלערנטן לשון האט ער פארגעזאגט די קעגנזייטיגע בליק איבער די דערמאנטע טענות, ווען ער פראבירט פארוויניגערן די ערנסטקייט פון די סאך עדות און די אויפווייזונגען וואס דער פּראָקוראָר האט פריער דערמאנט, אבער זיין קעקעצן ביים רעדן האט אויסגעזאגט אז ער איז אויך נישט איבערגעצייגט אין די ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער.

אויך ביי די ענדע פון זיינע ווערטער, האט ער זיך נישט געוואגט צו בעהטן מ'זאל אים אינגאנצן ריין וואשן, נאר ער האט געבעהטן מ'זאל פארוויניגערן זיין שטראף אויף צוויי יאר.

א שטילקייט האט געהערשט אין זאל. אלע זענען געווען אנגעצויגן ווערלנדיג הערן די באשלוס פון די ריכטער, זיי האבן צווישן זיך גערעדט א לאנגע צייט, עס האט אויסגעזעהן אז א שטארקער וויכוח איז דא צווישן זיי; עס קען דען זיין אז עפעס דראמאטיש גייט זיך יעצט אפשפילן?! אין ענדע האבן די ריכטער אויסגערופן אויף הפסקה פון א האלבע שעה.

רוב פון די אנוועזנדע זענען ארויס צו די קארידאר פונעם געריכט זאל, אבער ר' בנימין איז געבליבן שטיין אויף זיין פלאץ, אינגאנצן קאנצענטרירט מיט זיך זעלבסט, ווען אין זיין מוח הערט ער נישט אויף איין מינוט פון צו טראכטן, מיט די גאנצע שטארקייט - "שהכל נהיה בדברו".

די דרייסיג מינוט זענען אריבער אויף אים ווי א אייביגקייט. אין ענדע זענען די ריכטער צוריק אין זאל. דער הויפט פון זיי האט אנגעהויבן זיינע ווערטער מיט א ערנסטן טאן און האט אויסגערופן די באשלוס פון דער אורטייל מיט עטליכע קורצע זאצן:

"פון די באשולדיגונג'ס טענות זענען מיר, איך מיט די אנדערע ריכטער, באאיינדרוקט געווארן אז די פאל איז זייער א ערנסטע פאל. אבער ווען מיר זענען אריבער געגאנגען איבער די אלע עדות'ן און די דאקומענטשן וואס מ'האט אונז געוויזן, האבן מיר געהאט זייער אסאך אומקלארקייטן אין די עדות'שאפט פון דער הויפט עדות. צוליב דעם, האבן מיר באשלאסן לויט די מערהייט פון די מיינונגען צו באפרייען דעם באשולדיגטן".

די ריכטער זענען אויפגעשטאנען פון זייערע פלעצער, ווען זיי פארהוילן זיך אינגאנצן פון די שוידער וואס זייער אורטייל האט צוגעברענגט.

דער פּראָקוראָר האט אין אנהויב פראבירט אפפרעגן די אורטייל, אבער די שטרענגע בליק פון איינעם פון די ריכטער האט אים קלאר געשטעלט אז ער האט נישט קיין שאנסן צו טוישן די באשלוס.

עס איז געווען א אפענער נס! א נס פון הימל! עס איז נישט געווען קיין אנדערע מעגליכקייט עס צו ערקלערן.

ר' בנימין איז ארויס פון געריכט-הויז מיט פרייליכע טריט, אויף אזא זיסע ענדע האט ער נישט גע'חלומ'ט אויך אין זיינע זיסע חלומות. ער האט געקוקט אויף די זון וואס האט געשיינט, אויף די פייגעלעך וואס טשעפשען און אויף דער וועלט וואס פירט זיך ווי געוועגליך און זיינע אויגן האבן זיך נישט געזעטיגט. נאר פאר א קורצע צייט צוריק האט ער געטראכט ביי זיך אז די קומענדיגע יארן וועט ער זיין געצווינגען צו פארברענגען אין ארעסט הויז, ווייט פון די אלע זאכן, און אט, א אפענער נס. אינגאנצן ריין.

באלד ביים צוריק קומען האט ער זיך געוואנדן צו דעם גוטן שליח, דער גאון רבי ישראל יעקב פישער, אים דערציילן דעם גרויסן נס און אים דאנקען אויף זיין עצה. רבי ישראל יעקב האט זיך זייער מיט געפריידט מיט זיין שמחה, און האט געזאגט:

"אט זעהסטו, ר' בנימין, ווי גרויס איז די כח פון איין 'שהכל'. זיי דיך משתדל אייביג זאלסטו אזוי זאגן די ברכות, זאג צו פאר דיר אליין אז פון היינט און ווייטער וועסטו מקפיד זיין זאגן אלע ברכות אויפן קול און מיט כוונה! און דורך דעם וועסטו זיכער זוכה זיין צו ווייטערדיגע סייעתא דשמיא און הצלחה אין אלע דיינע טוהונגען".

**'דורש טוב' - סוכות**

עיצובים shay